פולע טאַבעלע פון דער מלוכה־לאָטעריע זעה 3־טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פּרייז 15 גראָשען

הײַנט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 77 | Łódź, Środa 30 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאָדז, מיטוואָך, כ"ב אדר ב' תרצ"ב | № 77

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# דער גרויסער טרויער אין יאסי

## די יודישע בעפעלקערונג גרייט זיך צו דער לויה פון די ספרי־תורות. — פּראָפ. יאָרגאַ האַלט, אַז ד"ר לאַנדוי איז אַן אַנטיסעמיט. — די שולדיגע נישט בעשטראָפט געוואָרן

## פונאַנדערגעלאָזט די אָרגאַניזאַציע פון דער „אייזערנע גוואַרדיע"

בוקאַרעשט, 29. (יט"א טעלעגראַפיש). אויף דער הײַנטיגער זיצונג פון רומעניש׳ן פּאַרלאַמענט, האָט דער פּרעמיער־מיניסטער פּראָפעסאָר יאָרגאַ אָפּגעגעבען אַ בעריכט וועגען די לעצטע אַנטי־יודישע געשעהענישען אין יאַסי.

אין בעריכט ווערט געזאָגט, אַז דער פּרעפעקט אין יאַסי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבען ערקלערונגען דעם יודישען דעפּ. ד"ר לאַנדוי, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז ד"ר לאַנדוי׳ס בעזוך קען אַרויסרופען נייע קאָמפּליקאַציעס.

דער פּרעמיער האָט דאַן שאַרף אַנגעגריפען דעם ד"ר לאַנדוי און געזאָגט, אַז אַזעלכע לייט זענען די גרעסטע אַנטיסעמיטען.

יאַסי, 29. (יט"א טעלעגראַפיש). נישט קוקענדיג אויף די ערקלערונגען פון פּרעמיער־מיניסטער זענען די שולדיגע אין די געשעהענישען אין יאַסי נאָך נישט בעשטראָפט געוואָרען.

דער רב האָט גוזר תענית געווען, און גאַנץ יאַסי איז דורך דער יודישער בעפעלקערונג די הײַנטיגע וואָך בעשטימט געוואָרען אַלס טרויער־וואָך. אַ גרויסע צאָהל יודען האָט זיך קריעה געריסען און מען גרייט זיך צו דער לויה פון די ספרי־תורות, וועלכע זענען פערברענט געוואָרען דורך כוליגאַנישע הענד.

בוקאַרעשט, 29. (יט"א טעלעגראַפיש). ס׳איז פאָרגעקומען אַ דרינגענדע זיצונג פון רומענישען מיניסטאָרען־ראַט, אויף וועלכער ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען אויפצולעזען די אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע „די אייזערנע גוואַרדיע", אַלע פּרעפעקטען און זשאַנדאַרמען־קאָמענדאַנטען האָבן בעקומען בעפעהלען תיכף צו שליסען די אָפּטיילונגען פון דער „אייזערנע גוואַרדיע".

# דער סחורות־פערקעהר צווישען דייטשלאַנד און פּוילען

## וואָס איז דערגרייכט געוואָרען ביי די אונטערהאַנדלונגען

וואַרשא, 29. (טעלעפאָניש). אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּערשטענדיגונג, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען צווישען פּוילען און דייטשלאַנד וועגען דעם סחורות־פערקעהר, דערוויסען מיר זיך, אַז די פערשטענדיגונג איז נעגאַנגען אין דער ריכטונג, אַז ביידע מלוכות האָבען בעשלאָסען פון איין זייט נישט צו פערשאַרפען די קאַמפּס־פעראָרדנונגען, וואָס זענען איינגעפיהרט געוואָרען אין מאָמענט, וואָס איז אויסגעבראָכען דער צאָל־קריג אין יאָהר 1925 און פון דער צווייטער זייט צו דערהאַלטען דעם סחורות־אויסטויש, וואָס האָט עקזיסטירט ביים סוף 1931.

פון דער דאָזיגער קליינער פערשטענדיגונג קען מען דרינגען, אַז ס׳וועט מעגליך זיין צו שאַפען דעם צאָל־שלום צווישען פּוילען און דייטשלאַנד.

# ערב אַ אַלגעמיינעם קוילען־שטרייק אין טשעכיען

פּראַג, 29. (ספּעציעל). אין קוילען־געביט מאָסט איז אויסגעבראָכען אַ שטרייק, צוליב דעם, וואָס די דירעקציע האָט געוואָלט קינדיגען אַ טייל אַרבייטער. ס׳שטרייקען 10 טויזענד אַרבייטער אין צוואַנציג קאָפּאַלניעס. ס׳איז מעגליך, אַז ס׳זאָל פאָרקומען אַן אַלגעמיינער קוילען־שטרייק אין טשעכאָסלאָוואַקיען.



דער בערלינער פּאָול בראַון האָט ערפונדען א סאָרט פּאַפּיר, וואָס ברענט נישט אין פייער

# איטאַליענישער מיניסטער וויל לערנען די ענגלענדער

## וואָס דאָס איז אַזעלכעס פּאַשיזם

לאָנדאָן, 29 (ספּ. טעל.) „מאַלטא־כראָניקל", טיילט מיט אַז בעת דעם וויזיט פון איטאַליענישען וויצע־מיניסטער גיונטי אין מאַלטא איז געקומען צו א שאַרפען אינצידענט. אַראָפּגעהענדיג פון דער שיף האָט גיונטא אויסגעשריגען: „מיר געפינען זיך אויף איטאַליענישער ערד, אויפ׳ן וועג וואָס צו אונזער אַפריקאַנישע אימפּעריע, מיר מוזען אויסלערנען די ענגלענדער וואָס עס איז אַזוינס דער פּאַשיזם". דער איטאַליענישער קאָנסול האָט געפּרובט איבערצורייסען דעם מיניסטער אָבער אָהן ערפאָלג.

גיונטא האָט תיכף געמוזט פערלאָזען מאַלטא, דער קאָנסול איז אָפּגעפאָהרען קיין רוים, כדי צו אינפאָרמירען די איטאַליענישע רעגירונג וועגען אינצידענט.

## עפענטליכע ערקלערונג!

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן אַנאָנס אין „לאָדזער טאָגעבלאַט" פון 15. מערץ ד. י. אין ענין ליסמאַן־גוטגאָלד, ערקלער איך דערמיט עפענטליך, אַז איך האָב קיין שום אַהנונג וועגען דער דערמאָהנטער אַנאָנס — איך האָב אַזאַ אַנאָנס נישט אויפגעגעבען. איך בעשטעטיג אָבער, אַז ה׳ ראַבינאָוויטש איז יאָ ביי מיר געווען און געוואָלט מיר פערקויפען אַ פּראָטעסט פון ה׳ ליסמאַן, כאָדושעש אויף דער סומע 600 זל. פאַר 350 זל.

אברהם מארכעווקא
נאָוואָמיעס אַ 10.

2054

## קאַרטאָפעל־מעהל

כשר לפסח

1־טע סאָרט „סופּעריאָר" מיט אַ הכשר
צו בעקומען אין הורט ביי
יעקב ראָזענטאַל
39 פּאָלודניאָוואַ 39
טעל. 236-06.
1914

## צוויי צימער און קוך

ערשטער שטאָק מיט בעקוועמליכקייטען פון זאָפאָרט צו פערמיטען פּיעטריקאָווער 20.
צו ערפאָהרען ביים וועכטער.
2048

## אַ בעקערייַ

אויף מצות צו פערדינגען
צו ערפאָהרען זשעלאַנא 48, ביים הויז־וועכטער.
2049

## רעשטען

לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 5
פראָנט, 2־טער שטאָק
פערשידענע קאַמגאַרנס, ביליצער, טאַמאַשאָווער און לאָדזער
אויף אַנציגער און פּאַלטענס
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערציגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
נאָוואָמיעסקאַ 5, פראָנט, II שטאָק

## הלל ווײַמאַן
## צביה הערשקאָוויטש
פערלאָבט
לאָדז, מערץ 1932 יאָהר.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
הלל ווײַמאַן
מיט פרל. צביה הערשקאָוויטש
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל־טוב
אברהם, גיטעל, העניא, מענדל און אייזיק ווײַמאַן.
2066

## אַ זעלטענע געלעגענהייט!

פון זאָפאָרט צו פערדינגען
אַ צימער מיט אַ קוך
און מעבעל
אויף אַגראָדאָווא־גאַס, נעבען דער האַלע.
צו ערפאָהרען אין אדמ. פון דער צייטונג. 2040

## געגעז בעלוינונג.

שבת נאָכמ. אין פילהאַרמאָניע־זאַל איז מיר פערלוירען געגאַנגען א פּאָרטפעל מיט פערשידענע פּאַפּירען, דערונטער א וועקסעל אויף 50 זל. צאָהלבאַר אין קראָקא, זשיראָ מאָידעלבוים און קאָן ווי אויך א לאָטעריע־צעטעל נ׳ 15521. דעם ערליכען פינדער בעט מען אָפּצוגעבען אין אדמיניסטראַציע געגען בעלוינונג. גלייכצייטיג ווערט ערקלערט דער וועקסעל און לאָט.־צעטעל פאַר אונגילטיג. 2050

